בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' וארא תש"פ | Vol. 4-A

United Jewish Community UJC of Blooming Grove

שב"ק פ' וארא
כ"ח טבת
(מברכים חודש שבט)

זמנים

זמן הדלקת הנרות
4:47

סוף זמן קריאת שמע
9:05

זמן מוצאי שבת
6:16

מהיכן ירק זה חי — ניתן בעד נפשינו:

# מאַסיווער קאַמפּיין פּראָקלאַמירט "פון בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו" צו העלפן פינאַנצירן וואַקסנדע קאָסטן פון די עסקנות ושתדלנות אונטערנעמונגען לטובת עירנו

זייט 2

## היסטאָרישע "הרחבת גבולי הקדושה" מיט'ן אפקויף פון נייעם בנין מפואר בית המדרש ומקוה דק"ק זאבליטוב אין הארץ פון שכונת "לעיק שאור"

זייט 8

## תושבי ועסקני בלומינגראָוו באַגלייטן מיט התרגשות כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א עלי דרכו אויף זיין נסיעה לארה"ק

זייט 6

## זכרונות

פון הרה"ח רבי משה אייזנבערג הי"ו

זייט 14

## דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פאַרטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראוווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש
ר' **דוד קרויס** הי"ו
אקטיווער און געטרייער באורד מעמבער אין "יו.דזשעי. סי."

זייט 8

## בית המדרש המפואר "נחלת אהרן ד'קרעמניץ" דערהייבט תורה'דיגע גלאַנץ פון בלומינגראָוו

זייט 9

## בימים ההם בזמן הזה...

3

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאוויושט"א
מוה"ר **חיים הערש ליימזידער** שליט"א
לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

זייט 12

**מהיכן ירק זה חי — ניתן בעד נפשינו:**

# מאַסיוועער קאַמפּיין פּראָקלאַמירט ”פון בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו” צו העלפן פינאַנצירן וואַקסנדע קאָסטן פון די עסקנות ושתדלנות אונטערנעמונגען לטובת עירנו

## אָנגייענדע פּראָיעקטן, ערעפענונג און אויפהאַלטונג פון אָפיס, אַדוואָקאַטן און לעגאַלע קאָסטן, מאַטריאַל, קאָמיוניטי סערוויסעס, קאָסטן אָפּ שווערע געלטער, וואָס די עסקנים מוזן אויפקומען כדי די לעבנסוויכטיגע פעולות זאָלן קענען ווייטער פאָרזעצן אָן קיין אָפּשטעל

**תושב לתושב מצטרף:**

**באַשיידענער אָבער פעסטער קאמפּיין אונטערגענומען צו באַשטייערן יעדן תושב מיט $72 לכה״פ $36 וואָס זאָל העלפן פאָרזעצן די עסקנות-אונטערנעמונגען לטובתינו ולטובת שכונתינו, איבערהויפּט שטייענדיג יעצט אין דער קריטישער תקופה זיך גרייטנדיג צו היסטאָריש-וויכטיגע וואַלן, וואו דער קאַמפּיין ווערט פאָרגעזען אַריינצוציען אין גרויסע געלטער • יעדער בלומינגראָווער איינוואוינער שליסט זיך אָן!**

**ופניתי עליכם: געטרייע עסקנים וועלן אַרומגיין קומענדיגע וואָך אין די לאָקאַלער בלומינגראָווער בתי מדרשים; האָפענונג און ערוואַרטונג אַז דער ציבור וועט זיי אַנטקעגנקומען מיט האַרציגן געפיל און אָפענע אָרעמעס, צו שענקען דעם ריכטיגן חיזוק פאָרצוזעצן און פּראָגרעסירן מיט'ן אויפגעבויעטן כח העסקנות לטובת כל אחד ואחד מתושבי עירנו!**

בלומינגראָוו – אין ברען פון די פילע אונטערנעמונגען אויף אלע פראָנטן וואו מ'שטייט און מ'טוט אָן אַן אויפהער מיט אַ העפטיגן פיבער לטובת הציבור, לטובת העיר, לטובת התושבים, האָבן די געטרייע עסקנים העומדם בראש המערכה אַרויסגעגעבן אַ הארציגן רוף פאַר הילף, אַז מ'מוז אונטערנעמען דרינגענד אַ מאַסיוועער קאמפּיין צו העלפן דעקן די וואקסנדע קאָסטן פון די פעולות העסקנות והשתדלנות פאר'ן ציבור דאָהי אין בלומינגראָוו.

פאַר תושבי עירנו דאַרף מען נישט קיין סאך ערקלערן און דערציילן. דער ציבור האַלט מיט פונדערנאָנט, סיי טאַקע דורך די שפּאַלטענעס פון אונזער ”שטימע” און סיי וואָס מ'הערט פון די עסקנים פערזענליך, וואָס יעדער פון די עסקנים באַזונדער איז אין אַ בחינה פון ”בתוך עמי אני יושבת”; אַליין איינפאַכע איינוואוינער פון בלומינגראָוו, תושב בין תושבים, אנשים אחים ושכנים, וואָס דינען פשוט אַלס שליחי הציבור, און אַרבעטן אינאיינעם כאיש אחד ובלב אחד אויף יעדן פראָנט וואָס נאָר שייך צו העלפן אונז אַלע בויען אַ בעסערן עתיד בעז״ה.

אָבער, ווי די עסקנות פאַרצווייגט זיך, ווי די שתדלנות פאַרברייטערט די פליגלען, אויף אַזויפיל היגזיכטן מיט אַזאַ ברייטן אויסוואַל פון פעולות, הייבט דער פינאַנציעלער זייט אָן צו דרוקן אויף די פלייצעס פון די עסקנים, וועלכע זענען טאַקע גרייט זייער צייט און ענערגיע אַוועקצוגעבן מיט האַרץ און געפיל, שלא על מנת לקבל פרס, בלויז נאָר עסקנות לשם עסקנות, אָבער די גרויסע קאָסטן אין וואָס דאָס ציעט אַריין איז נישט מעגליך זיי זאָלן קענען אַליין דערהייבן, און זיי מוזן דערצו צוקומען צו די הילף פונעם גאַנצן ציבור ווען זיי טוען פאַרטרעטן.

אַן אונטערנעמונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מתחילה קליין און באַשיידן, מיט געציילטע פעולות, איז עווענטועל אויסגעשטיגן – לויט'ן געברויך און פאַרלאַנג – אין אַ פולשטענדיגע קערפּערשאַפט, מיט אַ פונקציאָנירנדן אָפיס מיט אַ גאַנצער ריי אַקטיוויטעטן, אויסגעשטאַט אויפצונעמען פאַרלאַנגען פונעם ציבור, אַרויסצוהעלפן יחידים אָפּקעמפן ווייאָלעישאָנס, שליכטן פּראָבלעמען, שתדל'ן פאַר אונזערע רעכטן, בתי מדרשים, קהלות,

פּאַרקינג, זיך אָפּגעבן מיט כל'ערליי אישוס וואָס זענען נוגע די שטאָט בכלליות ובפרטיות.

דערצו האָט זיך געפּאָדערט, בכדי איינצופעדימען די נויטיגע קאָמיוניקאַציע מיט תושבי העיר, דער ציבור זאל מיטהאלטן די פּעולות און שטיין פאַראייניגט פאַר יעדע זאַך וואָס איז נוגע ווען מ'דאַרף האָבן אַלע איינוואוינער אינאיינעם כאיש אחד ובלב אחד פאַר אונזער עתיד, אָנצוהייבן ערשיינען מיט פאַרשידענע ערליי מודעות, אַנאָנסן, רעקלאַמעס, דורכצופירן אַ רעגיסטראַציע-דרייוו, ערשיינען מיט פאַרשידענע אויפקלערונגס מאַטריאַל און אָנווייזונגען, מיט'ן הויכפּונקט טאַקע פונעם אַרויסגעבן די "שטימע", וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אויסטערלישע אינטערעסע ביים ציבור.

מ'דאַרף נישט קיינעם ערקלערן, אַז יעדער ריר קאָסט! אַדוואָקאַטן, אָפיס, סעקרעטאַר, קאָמיוניקאַציע סיסטעמס, רעקלאַמעס, שרייבערס, דרוקעריי, גראַפיסטן, פּאָסט, אָפּגערעדט אַז די דירעקטע קאָמיוניטי-סערוויסעס, אַ שטייגער ווי די פּאַטראָל-קאַרס אין די ימים טובים און נאָך פילע קלענערע און גרעסערע הוצאות וואָס זאַמלען זיך אָן און ליגט אויף דער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון די קאָמיטע-מיטגלידער אויפצוקומען מיט די קאָסטן.

והעולה על כולנה: אָט שטייט מען יעצט בעפאָר אַ גרויסן וואַל-קאַמפּיין, וואָס איז קריטיש וויכטיג פאַר אונזער עתיד, און לויט אַלע וואַרשיינליכקייטן הענגט דער דרך הטבע'דיגער עתיד פון דעם ווייטערדיגן קיום און בליה פון אונזער ישוב אין די עלעקשאָנס. יעדער פאַרשטייט אַז אַזאַ קאמפּיין וועט זיין קאָסטבאַר, אויפ'ן ביליגסטן אופן וועט דאָס אַריינציען אין אַסאַך געלט, און בעת יעדע פּרוטה האָט אַ קלאָרן חשבון און ווערט באַגלייט מיט אַן אויסטערליש שטרענגער איבערזיכט, איז אָבער דאָ די "ההכרח לא יגונה" און דאָס וואָס מ'מוז קען מען נישט שפּאָרן און אָפּהאַלטן.

די עסקנים האָבן פּרובירט אַליין, אָן צו דאַרפן באַלמוטשען דעם ציבור, צו שאַפן נדבות פון נדיבים בעם, אידן וואָס האָבן אַן אינטערעסע אין דער הצלחה פון דער שטאָט, און אַזוי אויך האָבן עטליכע פון די עסקנים און קאָמיטע-מיטגלידער אַליין אויסגעלייגט געלט פון אייגענעם טאַש, נישט וועלנדיג אַז געלט זאָל זיין אַן אָפּהאַלט פאַר סיי וועלכע הוצאה ס'פאָדערט זיך לתועלת הענין, אַז גאָרנישט זאָל זיך נישט אָפּהאַלטן פון זיין צוגעשטעלט "אין צייט" צוליב אַ מאַנגעל אין פאָנדן.

אָבער למעשה ווי ס'שטעלט זיך אַרויס איז "אין הקומץ משביע", און כדי צו קענען פאָרזעצן ווייטער מיט די אַלע פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן מוז מען האָבן הילף פון דעם אייגענעם ציבור, די אייגענע תושבים, וואָס לעבן מיט די פּראָבלעמען, ווייסן פון די פּלאָגענישן וואָס מ'מאַכט מיט אין די אַלע הינזיכטן, ס'גייט זיי\אונז אין לעבן אַריין צו זען אַ טויש בעז"ה און אז די פּעולות זאָלן פאָראויסגיין, אז יעדער זאָל זיך אָנשליסן מיט כאָטש אַ מינימאלע סומע "פון בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו".

סוף כל סוף איז די "יו.זשעי.סי." אַ זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע וואָס ווערט געפירט 'בלויז' דורך תושבים, און בלויז מיט איין ציל "פאַר" די תושבים. און ס'איז קלאָר אַז דער רצון פון די איינוואוינער איז, אַז די "איינוואוינער" זאָלן באַשליסן סיי "וואָס" עס איז לטובתינו און סיי "וויאַזוי" עס זאָל דורכגעפירט ווערן לטובתינו, אַז די אַלע פּעולות, אַז די אַלע סערוויסעס, אַז די אַלע עסקנות באַמיאונגען און באַשלוסן אין דער דירעקציע, זאָל קומען דורכאויס און אויסשליסליך פון תושבי בלומינגראָוו, וואָס האַלטן אונזערע אינטערעסן אַלס זייער ערשטע פּריאָריטעט, און רעדן זיך אַלעס דורך מיט די רבני עירנו שליט"א.

דעריבער איז קלאָר, אַז כדי צו קענען אָנגיין אויפ'ן בעסטן אופן, איז דרינגענד וויכטיג, אַז יעדער "תושב העיר" זאָל זיך אָנשליסן מיט די מאַקסימום נדבה, אַז מ'זאָל קענען אָנגיין אין דער ריכטיגער דירעקציע בעז"ה, וואָס פון דעם ציל וועט מען זיך נישט אָוועקרירן.

יעדע פּרוטה וואָס קומט אַריין ווערט שטרענג אָפּגעהיטן, און יעדע החלטה וויאַזוי אויסצוגעבן דאָס געלט און וואו אויסצוגעבן ווערט געפּאַסט "בלויז" דורך די קאָמיטע-מיטגלידער, תושבי עירנו, צונויפגעשטעלט פון אַלע קהלות אין שטאָט, וועלכע האָבן דאָס לעצטע וואָרט צו פאַרזיכערן אַז אַלעס ווערט געטון לויט ווי ס'איז דער רצון פון די איינוואוינער, און קיין שום זייטיגע אינטערעס קען נישט באַאיינפלוסן דעם פּראָצעדור, נאָר אויסשליסליך בלויז דער "טובת העיר וטובת הציבור".

אי"ה תיכף נאָך שבת די קומענדיגע וואָך

**פאַרזעצונג אויף זייט 13**






מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

שרייבט צו דער רעדאַקציע:

**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**

וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום מעתה ועד עולם

א דאנק (-)

* * *

לכבוד די שטימע.

קודם אווארט איבער אייער אויסגאבע דער שטימע וואס האט גאר שטארק אויסגענומען ביים ציבור און איז פארוואנדעלט געווארן אלס דער געשפרעך פון טאג ביי די הונדערטער תושבי בלומינגראוו ברענגענדיג פארן ציבור א פלאטאפארמע מיטצוהאלטן די פארצווייגטע פעולות לטובת הציבור און סתם אזוי נייעס דא און שטעטל.

(אגב איז הנאה'דיג מיטצוהאלטן ווען דא דארט הערט מען אידן אין ביהמ"ד 'אריינלערנען' פשטים אין די שטימע, און צו מ'זעט סתירות פון איין וואך צו די צווייטע אדער נישט מיט א ויש ליישב, און דער אנדערע אמפערט זיך אז ס'איז נאר בדוחק, וואס גיט אריין דעם טאן אז אלע זענען צוגעבינדן צום באליבטן בלומינגראוו אין איר 'שטימע'.)

איך וועל צוגיין צום ענין וואס טוט אפעקטירן יעדן יחיד יעדן איינציגן תושב דא און שטאט וואס דאס איז די ברענעדיגע נושא פון די הויכע טעקסעס מיט וואס די געגענט איז געשלאגן וואס הגם און צוגלייך צו די געגענטער ארום א שטייגער ווי וואדבערי אדער אפילו קרית יואל גופא ווי די טעקסעס אויף אזעלכע סינגעל פאמיליע הייזער מיט פראפערטסי זענען די טעקסעס דא רעלאטיוו נידריג איז אבער די פראבלעם אז די לעצטע צוויי יאר שטייגן די טעקסעס גאר שטארק געשטיגן אויף אן אומפּאאפארציאנאלן פארנעם און צוגלייך צו די פארגאנגענע יארן וואי די טעקסעס זענען געווען פארהאלטינסמעסיג סטאביל ספעציעל דאס יאר ווי הונדערטער תושבים האבן זיך געטראפן מיט שטארק און אומ'יושר'דיגע געהעכערטע טעקס בילס, וואס המקרא אומר דרשונו וואס האט זיך געטוישט די פארלאפענע צוויי יאר?

אזוי אויך איז דא מאנכע וואס זאגן אז די שטייערן ווערן געהעכערט אומ'יושר'דיגע און דיסקרימענירט פאר די אידישע איינוואוינער און פארגלייך צו די נישט אידישע שכינים.

איז די שאלה צו איז דא עפעס וואס מען קען טאן דערצו ווערן מיר טאקע אומ'יושר'דיג באהאנדעלט אויב יא וואס זענען די פלענער לדעתי איז דאס א טאפ פריאריטעט וואס די עסקנים וואלטן געברויכט אדרעסירן נעמליך דאס איז א נושא וואס אפעקטירט יעדן יחיד און אויב זאל מען דאס נישט און די האנט נעמען שטעלט עס א געפאר אויף די עתיד פון אונזער געגענט.

יישר כח, בכל הכבוד (-)

לכבוד די חשוב'ע רעדאקציע פון דער "שטימע"

צום ערשט וויל איך ארויסברענגען מיין דאנק און התפעלות פון די הערליכע וועכענטליכע אויסגאבע וואס קומט שוין ארויס צום דריטן מאל גאר רייך אינטערסאנט באלערענד און שטארק אינפארמאטיוו ספעציעל האט מיר געכאפט די דעקונג מהנעשה והנשמע פון די דרכי וכוחות השתדלנות פון די געטרייע ערוויילטע באורד באאמטע וואס געבט דעם ציבור א נענטערן און קלארן בליק אויף וואס עס קומט פאר, אינטער די קוליסן, און ווי אויך זעהט מען שטארק, אז ס'איז דא א שטארקע ארגענאזירטע כח, באגלייט מיט דעת תורה, א זאך וואס אידן אין אלע שטעט וואלט זיך געוואונטשען, און אזוי אזוי אויך די אינטערוויאס וואס זענען שטארק תוכנד'יג און באלערנד, חזקו ידיכם!

כ'נעם יעצט דא די מי צו שרייבן צום 'שטימע' בעיקר אויפצוברענגען א זאך וואס וואלט געווען שטארק וויכטיג זיך אריינצולייגן דערין, דאס איז, די וויכטיגקייט פון אינסטאלירן א א טרעפיק לייט ביים אינטערסעקשן פון 208 און מעריוואלד לעין.

די אינטערעקשאן איז שטארק מסוכנ'דיג צוליב וואס די 208 שאסיי איז א שנעל פארענדע צוויי-זייטן פארקער און די שנעל פארענדע טרעפיק לויפט אוןביידע ריכטונגען און אויסער וואס צוליב די ריבוי המשפחות גייט מען אריבער פון איין זייט צום צווייטן בפרט שבת קודש, איז עס בעיקר שווער אינדערוואכן פאר דרייווער ווען ס'איז אסאך מאל זייער שווער דאס ארויספארן, און מ'קען ווארטן לאנגע מינוטן ביז מ'טרעפט א פארזיכערטע וועג ארויס, און מיט יאגעניש קען עס צומאל זיין געפארפול.

עס איז שוין דארט פארגעקומען עקסידענטן און עס איז א זאך הצריך תיקון, מיטן אוועקשטעלן א טרעפיק לייט ביי דעם ווינקל, וועט עס אויך פארלייכטערן דאס ארויספארן פונעם מענגין גאס, אז די טרעפיק ווערט אפגעשטעלט בלויז א קורצע שטרעקע נעבן דעם.

איך ענדיג מיין בריוו מיט הצלחה וואונטשען, יה"ר שחפץ ה' בידכם יצליח

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון, וקול שמחה, קול חתן, וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשם יתברך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבוד קרובינו וידידינו שיחיו
לבוא ולהשתתף בשמחת כלולות בנינו היקרים שיחיו ה"ה

| | | |
|---|---|---|
| הבחור החתן המופלג בתוי"ש<br>כמר **יואל משולם זושא** נ"י | עב"ג | הכלה הבתולה המהוללה<br>מרת **חנה מלכה** תחי' |

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לסדר "כי חג ה' לנו" (בא)
אור ליום ג' שבט תש"פ לפ"ק

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם בית רחל פאראדייס
5 ISREAL ZUPNICK DR., MONROE, NEW YORK

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ושמחה

| | |
|---|---|
| הורי החתן<br>**אברהם צבי פריעד וב"ב**<br>חתן הרה"ח ר' יודא יעקב ווערצבערגער ז"ל שו"ב<br>מאנטריאל יצ"ו | הורי הכלה<br>**יואל אלכסנדר שטערן וב"ב**<br>קרית יואל - בלומינג גראוו יצ"ו |

**הזמנה פרטית לידידינו היקרים תושבי עירינו שיחיו להשתתף בשמחתינו בזמן ובמקום המוגבל בשטומ"צ**



# בברכת אב

צלח ורכב

כ׳וויל לאזן הערן מיין הארציגע שטימע מיט ווארימע וואונטשען, בברכת האב על הבנים, פאר מיינע חשוב׳ע געטרייע קינדער, און טאלאנטפולע אינגעלייט

## ר׳ משה יושע

## ר׳ בערל שיחיו

## פאזען

פון די באליבטע תושבי בלומינגראוו

## צו די ווידער ערעפענונג פון זייער קאנסטראקשען פירמע

byldit.
BYLDITNY.COM

והוא ישלח במעשי ידיכם ברכה והצלחה...

ענקער הארציגער פאטער

וואס קוקט ארויס אויף ענקער הצלחה

שמעון ישראל פאזען

---

בס"ד

United Jewish Community
UJC
Est. 2019
of Blooming Grove

## פאַר די שטאַרקסטע רעזולטאַטן "לטובתינו"

דאַרפן די פּעולות דורכגעפירט – און פינאַנצירט – ווערן **דורך אונז אייגענע תושבי בלומינגראָוו,** וואָס וואוינען דאָהי מיט אונזערע משפּחות, **מיר לעבן מיט די פּראָבלעמען** און ווילן בלויז אַ רואיגן פאַרזיכערטן עתיד בעז"ה

אם אין אני לי מי לי!

**נאָר מיר פאַרשטייען די אמת'דיגע געברויכן! און מיר ווילן אַז נאָר "אונזערע שליחים" זאָלן אונז פאַרטרעטן!**

יעדער מוז זיך אנשליסן
**צו קענען אָנהאַלטן די פּעולות "דורך אונז – פאַר אונז"!**

## פון בלומינגראָוו

## פאַר בלומינגראָוו!

"יעדער תושב" $72 און לכה"פ $36 פאַר אונזער עתיד!
וכל המוסיף מוסיפין לו!!

$72 פאר אונזער עתיד
ולכה"פ $36

די עסקנים וועלן אי"ה אַרומגיין אין די בתי מדרשים

רופט אריין מיט אייער נדבה 24 שעה
845-237-4828 #4

ארײנשיקן נדבות אויף קוויקפּעי:
Info@UJCofBloomingGrove.org

---

בס"ד

United Jewish Community
UJC
Est. 2019
of Blooming Grove

## קיינער וועט זיך נישט אַרויסדרייען פונעם חובת השעה!

**איר ווילט!**

"אונזערע עסקנים" זאָלן אונז פאַרטרעטן פאַר "אַ קלאָרן עתיד" לטובתינו ולטובת דורותינו

**איר וועלט!**

פאַרזיכערן אַז די קריטישע עסקנות אונטערנעמונגען פראָגרעסירן פאַראויס און די וואַל-קאַמפּיין ברענגט די ריכטיגע רעזולטאַטן בעז"ה

**איר וועלט!**

זיך אַנשליסן, יעדער יחיד ויחיד, מיט $72 און לכה"פ $36 צו קענען דורכפירן דעם וואַל-קאַמפּיין און קריטישע באַמיאונגען

"יעדער תושב" $72 און לכה"פ $36 פאַר אונזער עתיד!
וכל המוסיף מוסיפין לו!!

$72 פאר אונזער עתיד
ולכה"פ $36

די עסקנים וועלן אי"ה אַרומגיין אין די בתי מדרשים

רופט אריין מיט אייער נדבה 24 שעה
845-237-4828 #4

ארײנשיקן נדבות אויף קוויקפּעי:
Info@UJCofBloomingGrove.org

## אורח לצדיק מישרים, מעגל צדיק תפלס:

# תושבי ועסקני בלומינגראָוו באַגלייטן מיט התרגשות כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א עלי דרכו אויף זיין נסיעה לארה"ק

**הי' נא מצליח את דרכי: חברי הועד פון "יו.זשעי.סי." געבן איבער קוויטל פאַר כ"ק אדמו"ר שליט"א צו מתפלל זיין ביי די קברי אבותינו ורבותינו הקדושים נבג"מ אשר בארץ המה, צו מצליח זיין אין די אונטערנעמונגען און עסקנות לטובת תושבי עירנו צו קענען וואוינען און מרחיב זיין די גבולי הקדושה מתוך הרחבת הדעת**

בלומינגראָוו. – מיט רגשי כבוד והערצה, און מיט אַ ווארעמע ברכה פון "כי מלאכיו יצוה לך" האָבן תושבי בלומינגראָוו באַגלייט כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א עלי דרכו צלחה לארצינו הקדושה, וואו דער רבי שליט"א פאָרט בעז"ה זיך משטתח צו זיין אויף קברי אבות, אין באַגלייטונג פון א צאל חסידים ומעריצים וחברי הכולל און תושבי עירנו, כדי אינאיינעם אויסצובעטן דבר ישועה ורחמים בעז"ה בזכות הקדושים אשר בארץ המה.

חיבה יתירה נודעת צו אונזער שטאָט בלומינגראָוו, אַז עלי' הניח את ראשו האי גאון וצדיק נשגב, חסידא ופרישא, נהורא נפישא, הוד כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, און דער רבי שליט"א האָט קובע געווען משכן וחצר קדשו בתוככי שכונתינו, וואָס האָט בלי ספק אויפגעהויבן דעם גאַנצן געגענט און צוגעגעבן אַן אומגעהויערן שטופּ צו דער געבענטשטער וואוקס פון אונזער שטאָט און בכלל צו דער הערליכער רוחניות'דיגער אויפוואַכונג און תורה'דיגער השפעה לשם ולתפארת.

גדול מרבן שמו, דער צאנז-זמיגראדער רבי שליט"א איז נערץ ונקדש כערכו הנשגב והרם בקרב בית ישראל, ובפרט בתוככי שלומי אמוני ישראל, תלמידי וחסידי סאטמאר, נאך וואָס דער רבי שליט"א איז דער תלמיד נאמן פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, סינ"י לו נקרא ארי שבחבורה, נאָך טאַקע בימי קדם אין די הייליגע ישיבה של רבי אין ירושלים עיה"ק, ומאז שחר טל ילדותו איז דער רבי שליט"א דבוק ואדוק אין היייליגן רבי'ן זי"ע און מקושר בכל נימי נפשו צו זיינע הייליגע ספרים, ולשמו ולזכרו תאוות נפשו כל הימים.

ובזמן שהצדיק בתוככי עירנו הוא הודה הוא זיוה והדרה, מיט זיין געוואלדיגן כח התורה, פרישות וצדקות, און מיט דער געהויבענער עבודת ה' משכמו ולמעלה גבוה, טוט דער רבי שליט"א פאַרשיינען און באַלייכטן די שטאָט. תושבי עירנו שפירן א זכי' צו קענען וויילן במחיצתו און זענען נהנה פון דעם בית מקדש מעט וואָס דער רבי שליט"א האט אויפגעשטעלט דינענדיג אַלס תל תלפיות



**די רבי שליט"א ביי די אסיפת רבני בלומינגראוו, וואו עס איז באהאנדעלט געווארן די פעולות פון יו.זשעי. סי. און געהערט געווארן דעת תורה, בנוגע די היסטארישע און קריטישע בעפארשטייענדע עלעקשאנס, וואס אין דעם איז געוואנדן בעז"ה די הצלחה און קיום פון אונזער ישוב בלומינגראוו**

פאר תושבי עירנו, און איז אויך אַ צענטער-פונקט ותל תלפיות בכלל פאר תושבי קרית יואל והגלילות, וועלכע קומען מיטהאַלטן די תפלות, מלוה מלכה'ס בחצר קדשו, לשמוע לקח וליהנות עצה ותושי' פון רבי'ן שליט"א על כל צעד ושעל ולקבל ברכותיו היוצאים מקרב לב טהור.

יעדער איינוואוינער שפירט פאר א זכי' אַז צווישן אונז וואוינט אַזאַ געהויבענער איד, וואָס טאַטעס קענען צייגן די קינדער, אָט אַזוי קוקט אויס אַ תלמיד פון הייליגן רבי'ן זי"ע, און דער רבי שליט"א איז טאַקע שטענדיג דולה ומשקה מתורת רבינו הקדוש זי"ע. תמיד קאָכט ער זיך מיט אַן אש להבה בדרכו ובשיטתו הקדושה פון רבי'ן זי"ע, מיט דער ריינער און לויטערער דת תורה הברורה וואָס ער טוט שטענדיג חזר'ן, זייענדיג דערמיט אַ ריכטיגער מעוז ומגדל ליראי ה' וחושבי שמו.

באופן מיוחד האָט דער רבי שליט"א אַן אָפּענעם טיר פאר די עסקני עירנו, די חברי הועד פון "יו.זשעי.סי.", די שליחי הציבור פון אלע קהלות הקודש צו טון און אויפטון למען תועלת ועתיד עירנו ותושבי'. צו יעדער צייט איז דער רבי שליט"א גרייט אויפצונעמען די עסקנים וועלכע קומען זיך שואל זיין בעצתו ובדעתו דעת תורה על כל צעד ושעל, צו פארזיכערן אַז אַלע פעולות ווערן דורכגעפירט על פי התורה אשר יורוך, לויט'ן דרך התורה והמסורה לנו מדור דור.

דער רבי שליט"א גיט אוועק אסאך צייט כסדר אויסצוהערן די עסקנים, אנצייגן הדרך ילכו בה, און באגלייט די פעולות מברכותיו הטהורות.

אצינד, בעפאר אזא געלעגנהייט ווען דער רבי שליט"א לאזט זיך ארויס לקדושים אשר בארץ המה, צו פוקד זיין די ציונים הקדושים פון רבותינו שרפי מעלה, די תנאים ואמוראים, ראשונים ואחרונים, וועלכע זענען באהאלטן אין ארה"ק, האבן די עסקנים אויסגעניצט די הזדמנות אריינצוטראגן א קוויטל פארן רבי'ן שליט"א וואס איז מזכיר אז די אלע פעולות לטובת עירנו זאלן עושה רושם זיין לטובה און מ'זאל קענען מצליח זיין אין די עבודת הקודש לטובת אידיש הייזער ולטובת הקהלות הקדושות, אז אונזער ערליכער מקום מושב זאל האבן א קיום.

ובפרט אז מ'שטייט יעצט אין אזא באדייטנפולער צייט, וואס טראגט אזא היסטארישן משמעות פאר אונזער שטאט, האבן די עסקנים באזונדער געבעטן דעם רבי'ן שליט"א מזכיר צו זיין און מתפלל זיין אז הי' נא מצליח את דרכינו, דער רבוש"ע זאל באגלייטן אונזערע שריט און אונזערע פעולות, אונז פירן אין ריכטיגן וועג, מ'זאל זוכה זיין צו הצלחה וסייעתא דשמיא, צו דערגרייכן אונזער איינציגן ציל און תכלית צו קענען וואוינען און מחנך זיין אונזערע קינדער מיט הרחבת הדעת און דאווענען און דינען דעם רבוש"ע אין אונזערע קהלות קדושות כאוות נפשינו הטוב.

דער זמיגראדער רבי שליט"א האט אויפגענומען די בקשה מיט א גרויס ווארעמקייט, זאגנדיג פאר די עסקנים אז ער וועט אודאי זיי אינזינען האבן, אז דער רבוש"ע זאל באגלייטן אלע פעולות לטובה, אז מ'זאל מצליח זיין צו קענען ווייטער וואוינען דא און אנגיין מיט די הרחבת גבולי הקדושה מתוך הרחבה והרוחה, און בכלליות מתפלל זיין פאר אלע תושבי העיר שיתברכו בכל משאלות לבבם לטובה ולברכה.

תושבי בלומינגראוו זענען מתפלל מקרב הלב, אז ישלח מלאכו לפניו, דער רבוש"ע זאל שיקן די גוטע מלאכים צו באגלייטן דעם רבי'ן שליט"א ופמליא דיליי' עלי דרכם צלחה, צו קענען פארן און קומען געזונטערהייט, לפעול דבר ישועה ורחמים מיט די הייליגע תפלות היוצאים מלב טהור, עלינו ועל כל בית ישראל, ס'זאל אריינקומען די ברכה והצלחה בכל מעשי ידינו, בלי שום מכשול ופגע, מיר זאלן באגלייט ווערן מיט סייעתא דשמיא על כל צעד ושעל, ויתקדש שם שמים על ידו ועל ידינו, אמן.

**כי לא ינוח שבט הרשע על גורל בלומינגראוו!**





# דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פאַרטרעטער

**אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראוווער איינוואוינער, בכל עת מצוא**

## שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש
## ר' דוד קרויס הי"ו
## אקטיווער און געטרייער באורד מעמבער אין "יו.דזשעי. סי."

**שלום וברכה הר"ר דוד הי"ו.**

**זייענדיג פון די חשוב'ע איינוואוינער אין דער "לעיק שאור" געגנט, וואס איז אייגנטליך א טייל פון דער "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו" אבער פארט אביסל אפגעטיילט פון דער צענטראלער געגנט, זייענדיג אויף דער אנדערער זייט 208; טיילט מיט מיט די חשוב'ע לייענער א שטיקל איבערזיכט איבער די השתלשלות פון דער געגנט און אירע אנטוויקלונגען מאז ועד היום הזה ?**

צוערשט בשבח המקום, די לעיק שאר געגענט האט א מעלה פאר זיך אז ס'איז הערליכע גראדע שטח, אנדערש ווי אין רוב טיילן פון בלומינגראוו וואס איז בערגיג, און א שיינע לעיק אין צענטער, וואס גיט צו א געוואלד הרחבת הדעת.

ס'איז אינטערסאנט צו אנמערקן אז "דבר בעתו מה טוב"... איך האב זיך ב"ה געצויגן קיין "לעיק שאור" מיט גענוי צוויי יאר צוריק. שב"ק פרשת וארא תשע"ח איז געווען דער ערשטער שבת וואס מיר האבן דא געוואוינט.

דער ישוב אין "לעיק שאור" האט זיך בעצם אנגעפאנגען שוין א שטיקל צייט פריער, צוערשט האבן די ארטיגע ערשטע תושבים ארויף שפאצירט יעדן שב"ק צו דעם דעמאלטיגן "דאללאס בית המדרש" כדי צו דאווענען מיט מנין. ווען איך בין דא אנגעקומען איז שוין אבער געווען אן אייגענע מנין ביי אונז אין דער געגנט. דאס איז צושטאנד געקומען דורך דעם אלעמען באליבטער בנש"ק הר"ר דוב פרענקל הי"ו, וועלכער האט נאך סוכות געעפענט דעם "פויזנא שול", ביי די בנין הארט נעבן זיין הויז, וואס איז טאקע עד היום הזה א ווארים און געשמאק ווינקל פאר אלע תפלות שב"ק בצוותא חדא.

א מקוה האבן מיר נאכנישט געהאט, פלעגט מען יעדן שב"ק אינדערפרי ארויף שפאצירן א מהלך פון א גוטע האלבע שעה ביז די נאנטסטע מקוה, וואס איז דעמאלט געווען אין בית המדרש ד'קהל יטב לב ד'סאטמאר אויף רינאוק. דאס זמיגראד'ער בית המדרש איז נאך דעמאלט נישט געשטאנען, און די מקוה אויף "גרין ראוד" איז געווען נאך א לענגערע שפאציר, ווייל דער "שאורט קאוט" איז נאך אויך נישט געווען, איז דעריבער די שנעלסטע אפציע געבליבן די סאטמארער מקוה.

עס דערמאנט זיך טאקע ווען מיר פלעגן זיך צונויף נעמען יעדן שב"ק אינדערפרי א גרופע איינוואוינער און אזוי צוזאמען שפאצירט דעם לאנגען וועג ביז רינאוק. וואו איז גראדע געווען א געוואלדיגע גוטע הרגשה אז מען שטרענגט זיך אן פאר א מקוה שב"ק אינדערפרי, אה זיסע זכרונות...

**וויפיל משפחות האבן דעמאלט געוואוינט אין דער "לעיק שאור" געגנט און וויאו האלט עס היינט צוטאגס?**

ווען איך האב זיך אריינגעצויגן דאהי האבן געוואוינט אין "לעיק שאור" אומגעפער 15 משפחות, היינט צוטאגס האלט מען שוין ב"ה ביי נאנט צו 50 משפחות וואס וואוינען און לעבן דא מיט א הרחבת הדעת!

גלייכצייטיג איז אויך די רוחניות'דיגע געברויכן פון דער געגנט שוין פיל בעסער צוגעשטעלט. בפרט מיר האבן שוין ב"ה אן אייגענע מקוה אויף שב"ק, נאכדעם וואס דער ציבור האט זיך געלאזט קאסטן און מען האט אהערגעשטעלט א מהודר'דיגע שבת'דיגע מקוה אין ביהמ"ד פויזנא, וואס ווערט באנוצט דורך די גאנצע אומגעגנט פון "לעיק שאור" און אויך דורך די תושבים וועלכע וואוינען אויף די אנדערע זייט 208 אויף די אלע גאסן נעבן דעם ראוד, וואס דאס איז זייער נענטסטע מקוה.

פאראיאר, צום יום טוב פסח, איז צוגעקומען א פרישע בית המדרש אין אונזער געגנט. ווען הגה"צ האדמו"ר מזאבליטוב רבי אהרן דוד הורוויץ שליט"א האט געעפענט בית מדרשו וואס איז א געשמאקע און אנגענעמע מקום קדוש מיט ווארימע תפלות דריי מאל א שב"ק, און דער ציבור איז נהנה פון די טישן אין די יומא דפגרא וואס ווערט געפראוועט דורך די זאבליטובער רבי שליט"א.

עס האלט היינט ביי א מצב אזביידע בתי מדרשים זענען ב"ה פולקאם איבערגעפולט מדי שבת בשבתו און מען קען שוין רואיג זיך אויסברייטערן צו אקאמאדירן דעם וואוקס פון תושבים. דאס זעלבע מיט דער מקוה, וואס איז געבויעט געווארן לויט דעם דעמאלטיגן געברויך, אבער שטייענדיג מיט אזא וואוקס פון צענדליגער פרישע תושבים, איז עס שוין היבש אויסגעוואקסן דעם צורך.

**ס'איזווירקליך זייער אינטערסאנט צו הערן אזא לעבעדיגע באריכט וויאזוי דער געגנט האט זיך אזוי הערליך אנטוויקלט אין בלויז א קורצע צייט אפשניט.**

**איז פארהאן פרישע פלענער אויף דער צוקונפט צו נאכקומען דעם ריבוי עם בליעה"ר ?**

יא ב"ה. טאקע די וואך האט מען געהערט די גוטע נייעס אז דער זאבליטוב'ער רבי שליט"א האט געשלאסן מקח אויף א גרויסן הויז און שטח, וואס גרעניצט זיך מיט דעם יעצטיגן בית המדרש, מיט גרויסע פלענער צו אויפבויען א הערליכע בית המדרש מיט אלע צוגעהערן, א היכל התורה, א מקוה, מיט אלעס וואס דער געגנט דארף האבן להגדיל תורה ולהאדירה.

דאס איז פאר אונז א געוואלדיגע בשורה טובה און מען קוקט טאקע ארויס אז דער רבי שליט"א זאל מצליח זיין אין די עבודת הקודש דאס צו קענען מוציא זיין מכח אל הפועל ווי אמשנעלסטן.

זאל טאקע באטאנט ווערן אז ס'איז נישט קיין סוד פאר קיינעם די מצב מיט "פערמיטן" דא אין ווילעדזש. וויפיל בלוט מען דארף שפייען ביי די פארהארטעוועטע באהערדע צו ערהאלטן סיי וועלכע ערלויבעניש צו בויען, און געוויס אזוי צו בויען א בית המדרש. מיר זענען היבש באזארגט און מען האפט אויף דאס בעסטע אבער דאס איז זיכער אז די קומענדיגע וואלן קענען בעז"ה טוישן דאס גאנצע בילד לטובה, אז מען זאל בעז"ה יא קענען בויען גרינג און שנעל אן קיין פראבלעמען.

אונזער "כח היחיד" ביי די קומענדיגע וואלן וועט אסאך אסאך העלפן פאר'ן "כח הרבים", צו פשוט קענען האבן בתי מדרשים און מקוואות - אויסער די אנדערע צרכי העיר וואס וועלן דעצידירט ווערן לויט די אויסגאנג פון די וואלן, האפענטליך לטובתינו ולטובת כל בני העיר.

**זייער ריכטיג. וואס איז טאקע די געפילן ביי אייך אין געגנט צו די לעצטיגע אנטוויקלונגען דורך דעם "באורד" און די בעפארשטייענדע וואלן אין שטעטל ?**

ב"ה אז דער גאנצער ציבור צייגט ארויס אן אמת'ע פארשטענדעניש צו די פעולות פונעם "באורד" און מען איז שטארק אנגעווארעמט צו אויספאלגן די הוראות הרבנים הגאוה"צ שליט"א צו די קומענדיגע וואלן. סוף כל סוף איז דאך עס "בני איש אחד אנחנו", מיר זענען דאך אלע איינוואוינער אויפ'ן זעלבן פלאץ און מיר אלע האלטן מיט ווי וויכטיג עס איז אז עס זאל אוועקגעשטעלט ווערן א פאראייניגטער אחדות'דיגער כח למען ייטב לנו ולבנינו. אלע קוקן מיר צוזאמען ארויס אויף די הצלחה און סייעתא דשמיא אז חפץ ה' בידינו יצליח להרחיב גבולי הקדושה.

**אמן און א יישר"כ!**

# מהנעשה והנשמע נייעס אין בלומינגראוו

**בֹּאוּ שְׁעָרָיו בְּתוֹדָה, חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה:**

# בית המדרש המפואר "נחלת אהרן ד'קרעמניץ" דערהייבט תורה'דיגע גלאנץ פון בלומינגראוו אלס א שיינענדיגער "פנת יקרת" וואס באלייכט דער גאנצער געגנט

הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ:

**הערליכער בית המדרש און ריזיגער אוצר הספרים מיט טויזנטער ספרי קודש - א זעלטנהייט אין דער געשיכטע פון בלומינגראוו - איז פולקאם עומד על תילה בנוי' מיט פראכט און גלאנץ צום באנוץ פון לומדי תורה 24 שעות אינעם מעת לעת!**

פון די סאמע שענסטע און לעכטיגסטע ווינקלען אין דער עיר ואם בישראל בלומינגראוו דערהייבט זיך אן קיין צווייפל דער הערליכער פנת יקרת, דער בית המדרש החדש והמפואר "נחלת אהרן ד'קרעמניץ", וואס איז אנומלט פארענדיגט געווארן כלול בהדרה ברוב פאר והדר, און דינט ווי א "פנת יקרת" און א לייכטורעם פאר די גאנצע שטאט, אלס א מקום מיוחד במינה פאר מתפללים ולומדי תורה מיט א געוואלדיגע הרחבת הדעת און א פארצייטישע ארגינעלע אטמאספערע.

חבה יתירה נודעת לו צו דער שטאט בלומינגראוו וואס האט זוכה געווען אז הגה"צ אב"ד קרעמניץ שליט"א האט זיך קובע געווען משכנו בתוכינו, און האט טאקע מייסד געווען דאס בית המדרש המפואר וואס איז א לעכטיג ווינקל פאר יראי ה' וחושבי שמו פון דער גאנצער געגנט, זייענדיג א מקום רחבת ידים ברוב פאר והדר.

דאס בית המדרש גופא איז אויפגעבויעט געווארן גאר שיין, מלכות'דיג און פראקטיש. מיט פילע חידושים און איינריכטונגען, הערליכע טיילס און עלעקטעריק פון טייערע מאטריאל, און א מייסטערהאפטיגע ארון הקודש פראדוצירט פון שטיין, עס זאל טאקע דינען דעם ציל צו זיין א לופטיגער און רחבות'דיגער מקום תורה ותפילה, געשמאק און בא'טעמ'ט צו קענען עוסק זיין בתורה ובתפילה מיט הרחבת הדעת.


דער הערליכער היכל און פרוזדור געשמאק צוגעשטעלט לתועלת הלומדים

באזונדער איז דאס בית המדרש איינגערישט אויף א ספעציעלן אופן צו זיין מוקדש אלע שעות פון טאג, ערב בוקר וצהרים, אויף לימוד התורה פאר די תושבי השכונה, באגלייט מיט א געשמאקן פרוזדור און "קאווע שטיבל" וואס איז שיין צוגעשטעלט לתועלת באי בית ה'

דער "גולת הכותרת" און דער חידוש מיוחד פון דעם הערליכן בית המדרש איז געוויס דער ריזיגער און פראכטפולער "אוצר הספרים" וואס באשיינט אלע ווענט פון דעם גאנצן בית המדרש, און אנטהאלט אן אוצר נפלא פון טויזנטער ספרי קודש בכל מכמני התורה, וואס איז באמת א זעלטנהייט אפילו אין אנדערע אידישע געגנטער, און טוט ווירקליך אויפלייכטן דעם "אור התורה" אין אונזער שטאט מיט אזא הערליכע פראכט.

מערערע תלמידי חכמים ולומדי תורה וועמען עס קומט אויס צו באזוכן דאס בית המדרש קענען ממש נישט גענוג זיך אפוואונדערן פון דעם ריזיגן אוצר אדיר וואו מען קען טרעפן אפילו גאר פארשטיפטע ספרי קודש אין אלע מקצועות, ספרי ראשונים כמלאכים, ספרי הפוסקים, ספרי שו"ת, וספרי גדולי האחרונים, אלעס מסודר און פראקטיש אויסגעשטעלט צו די תועלת און באקוועמליכקייט פון די לומדי ומתפללי

ווירקליך איז דער רב שליט"א דער רוח החיים פונעם ביהמ"ד וואס איז משפיע און גיסט איבער א ווארימקייט און דערהויבנקייט פאר אלע באי בית ה'. די תפלות שב"ק ווערן אפגעראכטן מיט א מורא'דיגע ווארימקייט און דערהויבנקייט, בפרט ווען עס קומט א יום טוב, א הלל, אדער אנדערע יומי דפגרא, וואס דאן קומט מען פון די גאנצע געגנט און פון נאך ווייטער מיטצוהאלטן די געהויבענע עבודה.

וואך נאך וואך איז די שלש סעודות אַן איבערלעבעניש ווען דער רב שליט"א ווארימט דעם ציבור המתפללים מיט די געהויבענע זמירות און ה' מלך, און איז משמיע הארציגע דברי תורה, חיזוק והתעוררות, געפלאכטן מיט יסודות וענינים נפלאים מספרי רבותינו הק', אויף וואס דער ציבור באי בית ה' קוקן ארויס און עס הייבט דעם גאנצן וואך מיט די ריכטיגע התעלות, וואס מ'שעפט חיזוק פון דעם באר מים חיים, פון וואס מ'ווערט נתעורר לתשובה ולתיקון המעשים באגלייט מיט אמרות טהורות מפיהם ומפי כתבם פון די צדיקים הקודמים זי"ע.

**תושבי בלומינגראוו קוקן זיך צו מיט פרייד אויף די "הרחבת גבולי הקדושה" וואס באגלייט אט דעם נאבעלן מקום קדוש, מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל!**

קאמפיין אין שוואונג: פון בלומינגראוו פאר בלומינגראוו
גיט איבער אייער נדבה פאר די עסקנים אין די בתי מדרשים
רופט אריין 24 שעה: 845-237-4828 #4
איר קענט אויך געבן דורך קוויקפעי: Info@UJCofBloomingGrove.org
$72 פאר אונזער שטאט
ולכה"פ $36

כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו:

# היסטאָרישע "הרחבת גבולי הקדושה" מיט'ן אפקויף פון נייעם בנין מפואר בית המדרש ומקוה דק"ק זאבליטוב אין הארץ פון שכונת "לעיק שאור"

**בנין החדש וועט בעז"ה דינען אלס פרעכטיגע צענטראלע בית המדרש מפואר רחבת ידים מיט מקוה מהודרת, און אלע צרכי הציבור פאר דער גאנצער געגנט בנשיאות אדמו"ר מזאבליטוב, הגה"צ רבי אהרן דוד הורוויץ שליט"א, בן כ"ק אדמו"ר בעל דובר משרים מספינקא זצ"ל**

"כי עתה ה' הרחיב לנו ופרינו בארץ!", תושבי העיר בכלל און די תושבי שכונת "לעיק שאור" בפרט, האבן די וואך זיך באגריסט מיט דער ברכה פון "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!", צו די פריידיגע בשורה מרנינה אז די אנהויב וואך איז בשעה טובה ומוצלחת געשריבן געווארן קאָנטראַקט און געשלאסן געווארן מקח אויף א גרויסן הויז, וואו עס וועט בעז"ה אויפגעבויעט ווערן א בנין מפואר פון דעם נייעם בית המדרש החדש "זאבליטוב" אין צענטער פון די שוין היינט בארימטע "לעיק שאור" געגנט וואס שפרידלט און וואקסט מיט יעדן פארבייגענדן טאג, לפאר ולרומם בית אלקינו!

ווירקליך וואקסט דאס הארץ פון שמחה, און די געפילן דערהייבן זיך פון גליק, ווען מען האלט ביי אזא מאמענט און עס ווערט אפגעצייכנט אזא דראמאטישע ווענדפונקט אין די געשיכטע פון "לעיק שאור", מיט די היסטארישע התחדשות והרחבת גבולי הקדושה וואס וועט בעז"ה צעמענטירן א שטאנדהאפטיגע באזע לתורה ולעבודה און וועט אנהייבן א א שפאגל נייע עפאכע אין די געשיכטע פון דער גאנצער געגנט, א בית גדול ומפואר אשר משם תצא תורה טהרה ועבודה, אויפ'ן דרך פון די צדיקים הק' לבית ספינקא, לשם ולתפארת.

דאס איז ווירקליך דער אנהויב פון א פרישע תקופה ווען די הרחבת גבולי הקדושה דערקענט זיך שוין אויף א מאסשטאבליכן פארנעם, און די הערליכע המשכה פון דעם געגנט בליעט און שיינט מיט אפענע סייעתא דשמיא אויף א פארנעם וואס קיינער האט זיך נישט געקענט ריכטן דערויף, כה יתן ה' וכה יוסיף.

## די אויסטערלישע הצלחה און וואוקס:

דער פריידיגער וואוקס און בליה פון די נאבעלע "לעיק שאור" געגנט איז ווירקליך צום מערסטנס קענטיג אין די בתי מדרשים פון דער געגנט, וועלכע שפירן די שיינע התרחבות הגבולים, אבער פון דער אנדערער זייט באדייט דאס א שטייגענדע געברויך זיך אויסצובררייטערן אין פלאץ און א דרינגענדע פארלאנג זיך אויסצושפרייטן גרעסער און ברייטער לתועלת ריבוי התושבים שיחי'.



דער יעצטיגער בנין ביהמ"ד זאליבטוב אויף די מעריוואל נארט גאס

אויך "זאבליטוב" - דאס חסידי'שע הויף וואס האט זיך אריבערגעצויגן קיין "לעיק שאור" דעם פארלאפענעם יום טוב פסח העעל"ט לשמחת לב חסידים ואנשי מעשה, איז שוין אצינד בחסדי ה' גענצליך "אויסגעוואקסן" דעם ביז יעצטיגן בנין, און שוין עטליכע חדשים וואס מען געפינט זיך אין א שטייגענדער לחץ זו הדחק און מען קען שווער אקאמאדירן דעם וואוקס וואס שטייגט ב"ה מיט יעדן נייעם תושב בליעה"ר.

די געטרייע הנהלת הבית המדרש - אין שפיץ פון דעם רבי'ן שליט"א וועלכער איז עינו ולבו שטענדיג לפאר ולרומם בית ה' - איז דעריבער געווען געצווינגען זיך צו שפאנען פאראויס מיט פרישע פלענער צו אהערשטעלן נאך א גרעסערע בנין אויף א באקוועמען און צוגענליכן שטייגער, עס זאל בעז"ה זיין דער פאסיגער מקום תורה ותפלה פאר די געברויך פון תושבי העיר.

## ברוך מרחיב גד! געשלאסן קאנטראקט פאר'ן נייעם בנין:

וחפץ ה' בידם הצליח, מיט אסאך סייעתא דשמיא, האט מען אצינד - נאך א לענגערע צייט וואס מען האט באטראכט מערערע הצעות - געפינען דעם פאסיגן הויז, וואס גרעניצט זיך מיט דעם עקזיסטירנדן בית המדרש, און איז ווי פון השמים צוגעשטעלט פאר א בית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה און אנטשפרעכט

# מהנעשה והנשמע נייעס אין בלומינגראוו

בעז"ה צו זיין א רחבת ידים אין פולן זין פון ווארט.

די אנהויב וואך איזווירקליך געשלאסן געווארן דער מקח טוב, ווען מען האט געשריבן קאנטראקט אויף דעם בית הגדול וואו עס לויט די פריע פלענער אויפגעבויעט ווערן א פרעכטיגער און לופטיגער היכל בית המדרש הגדול, א מהודר'דיגע מקוה מפוארת, עטליכע רחבות'דיגע חדרי תפלה, אן אנגענעמער קאווע צימער און א גרויסער אוצר הספרים, אלעס איינגערישט און צוגעשטעלט מיט די נויטיגע איינריכטונגען און באדערפענישן וואס פעלט זיך אויס צו קענען עוסק זיין בתורה ובתפלה מיט הרחבת הדעת און באקוועמליכקייט, להגדיל תורה ולהאדירה.

די נייעס איבער דעם אנעקסירונג פון דעם בית הגדול פאר'ן געברויך פון א נייעם בנין איז אויפגענומען געווארן מיט פרייד און ענטוזיאזם ביי בלומינגראווער איינוואוינער, וועלכע לעבן מיט די פריידיגע הרחבת גבולי הקדושה און קוקן ארויס אויף דעם נייעם בנין וואס וועט געוויס זיין א שטאלץ פאר די גאנצע שטאט.

## מען שפאנט פאראויס לנצח אל מלאכת בית ה':

די געטרייע הנהלת הבית המדרש איז ווירקליך צוגעטרעטן צו דעם גרויסן אונטערנעמונג מיט'ן גאנצן אייפער און פלייס. אין די יעצטיגע טעג ווערן פארענדיגט די ענדגילטיגע טעכנישע צוגרייטונגען, לעגאלע פארמאליטעטן און ארכיטעקט פלענער, צו קענען אנהויבן מיט די פאקטישע בוי שטאפלען אין די גאר נאנטע טעג. מיט א באזונדערע דגוש אז דער בוי פראיעקט זאל


דעם -נייעם בנין אויף די רעד בוירד גאס אין לעיק שאר געגענט

געלאזט ווערן אין שוואונג ווי אמשנעלסטן און עס זאל נישט ווערן אויפגעהאלטן ביז דער בנין וועט זיין עומד על תילה בעז"ה.

## ככל אשר אני מראה אותך את תבנית הבית!

באלד ווי די פריידיגע מעלדונג האט זיך פארשפרייט ווי א בליץ איבער דאס אפקויף פון דעם נייעם בית גדול לה', איז ארויסגעשטעלט געווארן די ערשטע סקיצעס און פלענער ארום די איינצלהייטן און פרטים פונעם בנין החדש והמפואר, צו געבן די געלעגנהייט פאר תושבי השכונה צו זאגן זייער מיינונג און פארשלאגן זייערע געדאנקן.

מטעם הנהלת בית המדרש איז ספעציעל באשטימט געווארן דעם פארלאפענעם זונטאג אווענט ווען די קאנטראקטער'ס און דעזיינערס זענען אנוועזענד געוועזן אויפ'ן ארט, אין דעם ניי - אפגעקויפטן היכל בית המדרש, און פילצאליגע מתפללים זענען טאקע אריבערקומען כאפן א בליק פון דער נאנט, זיך אומקוקן און דוסקוסירן די גרויסצוגיגע פלענער. ווי שיין און ערהאבן איז געווען די סצענע צו מיטהאלטן וויאזוי מתפללי בית המדרש ותושבי העיר האבן זיך נישט געקענט געזעטיגן פון באטראכטן די הערליכע פלענער וואס איז נתפרסם געווארן אויף די ווענט פון דעם נייעם בית המדרש, און וועלן אט פארוואנדלט ווערן אין א רעאליטעט - גדול ומפואר יהי' כבוד הבית הזה לתפארת כל השכונה!





מתפללי ביהמ"ד קוקן זיך אום אויף די פלענער וואס ווערט פארגעשריבן פאר'ן נייעם ביהמ"ד ומקוה דק"ק זאבליטוב

## חכם לב יקח מצות; זכותי הבנין שטייען צו פארקויפן:

דבר בעתו מה טוב, צו דער געלעגנהייט איז שוין געעפנט געווארן די זעלטענע זכי' און זכות פאר תושבי העיר און חסידים ואנשי מעשה ידידי בית זאבילטוב, צו פאראייביגן א הנצחה לדורות עולם אין דעם נייעם בנין עדי עד וואו עס וועט געהערט ווערן דער קול תורה ותפלה ביז משיח'ס טאג, ס'איז ווירקליך א זכי' וואס לאו בכל יומא מתרחש צו זיך איינהאנדלן אזא זעלטענע זכרון נצח בהיכל ה', וואס וועט שטענדיג פארבלייבן לזכות פונעם נדבן אדער לעילו נשמת קרובים וידידים וועלכע זענען שוין בגנזי מרומים.

ווירקליך איז די הנהלת בית המדרש פארנומען אין די טעג אין העפטיגע געשפרעכן מיט אידן נדיבים בעם, וועלכע האבן אויסגעדריקט זייער באגער צו אפקויפן גרעסערע און קלענערע זכותים אין דעם בנין המסדות לעד ולנצח. אידן שפירן עס פאר אן אויסטערלישע זכי' נקבע צו ווערן אלס נדבנים פון אזא מקום קדוש, וכל מי שרוצה ליטול את השם יבוא ויטול.

**גלייכצייטיג שעפשענען די לעפצן א הארציגן שבח והודאה צו השי"ת דער "יושב תהלות ישראל", איננאיינעם מיט א געבעט אויף ווייטער, מען זאל האבן די זכי' ווייטער להגדיל תורה ולהאדירה, אז דער בנין זאל שוין קענען ערגענצט ווערטן צו דינען בעז"ה אלס א משכן ה', א באזע פאר תורה ועבודה, וואו עס וועט געהערט ווערן דער קול תורה ותפלה במשך רוב שעות היום והלילה, כה יתן וכה יוסיף ה' להלאה עד ביאת הגואל.**

3

# בימים ההם בזמן הזה...

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאווישט"א

## מוה"ר חיים הערש ליימזידער שליט"א

לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

### אינפארמאטיווע פאקטן, אינהאלטספולע זכרונות און באלערנדע אנעקדאטן

**איבער די געטרייע דרכי השתדלות אויף אלע פראנטן, מיט דער ברכה און באגלייטונג פון רבינו הק' זי"ע, טראָץ די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פארוויקלטע קאמפליקאציעס, און איבער דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי צו זיך דורכקומען מיט די שכינים אין גלות, בימים ההם בזמן הזה, בכוחו ובזכותו של אותו צדיק.**

**מיר קערן זיך צוריק צו אונזער אינהאלטספולע שמועס מיט הרה"ח רבי חיים הערש שליט"א, וועלכער האט פארגאנגענע וואך געשילדערט דער אנהויב פון דער געשיכטע, וויאזוי "קרית יואל" האט זיך געטראפן אין א גאר ענגע סיטואציע ווען צוליב די העצע פון שכינים האט דער באנק זיך אנטזאגט פון געבן די פאראויס באשטימטע מארגעדזש און עס האט געהערשט א באשיינפערליכע געפאר אז אלע הייזער זאלן גיין אויף פארקלאזשער, בלויז צוליב שנאת ישראל וואס האט מאטיווירט די אטאמספערע אין געגנט.**

**ר' חיים הערש, וואס איז אלזא געווען די ענדע פון דעם קאשמאר, וויאזוי האט מען בעזר השי"ת אפגעראטעוועט קרית יואל פון דעם געפאר ?**

ס'איז אלעס געווען סייעתא דשמיא און דעם רבי'נס ברכה, אבער לאמיר אייך טאקע דערציילן די דרך הטבע'דיגע השתדלות וויאזוי מיר האבן באוואויגן די באאמטע זיך צו רעכענען מיט אונזערע געברויכן און נישט דיסקרימענירן זייערע אידישע איינוואוינער.

דעמאלט איז געלאפן פאר גאווערנער אין ניו יארק, האווערד סעמיולס, ער האט געזוכט די אינדארסמענט פון סאטמאר, אז דער סאטמארער עולם זאל שטימען פאר אים, איז ער אראפגעקומען צו אונז אויף א מיטינג צו העלפן ערלעדיגן דעם מארגעדזש פון דער באנק.

עטליכע שעה איז ער געזיצן מיט אונזערע לויערס און מיט די באנק פארשטייער צו פרובירן אויסהאמערן אן אפמאך אז מיר זאלן קענען באקומען די הלואה, אדער כאטש אביסל אויסציען דעם לאון ביז עס וועט אנקומען די טראנספארמערס און מען וועט האבן לעקטער, אבער עס האט גארנישט געהאלפן, די חברה האבן נישט געוואלט הערן פון גארנישט העלפן די "חסידים". מיר האבן נישט געקענט באקומען נישט קיין סי. או. און נישט קיין מארגעדזש.

דער מצב איז געווען זייער שווער איך בין געווען זייער באזארגט מיט יעדן טאג וואס איז נאר אריבער. עס איז ממש נישט געווען קיין שום אויסזיכט אז מיר זאלן קענען ראטעווען דעם מארגעדזש.

ביז איין טאג האב איך מחליט געווען אז פון סתם זיצן אוןווארטן וועט גארנישט זיין. איך האב גענומען דעם לויער בערני דעוויס, און דער גאווערנער קאנדידאט סעמיולס און מיר זענען אראפגעגאנגען צו דער באנק. מיר האבן זיך ממש געבעטן ברחמים ובתחנונים ביי זיי אז זיי זאלן רחמנות האבן אויף אונזער געלט און הארעוואניע. איך האב זיי ערקלערט ווי ווייט עס איז נישט גערעכט אז זיי זאלן אונטערברענגען אונזער גאנצע ארבעט נאר צוליב דעם וואס די עלעקטעריק קאמפעני האט נאכנישט געקענט ענדיגן אריינצולייגן די טראנספארמערס, בשעת וואס מיר פון אונזער זייט האבן אלעס געענדיגט און זיך צוגעשטעלט הונדערט פראצענט.

די באנק באאמטע זענען אבער געווען שונאי ישראל, שלעכט און פארביסן, זיי האבן אונז פשוט נישט געהאלטן ביים אויסהערן. וויפיל מיר האבן גערעדט צו זיי, וויפיל מיר האבן זיי געבעטן איז געווען אין קול ואין עונה, זיי זענען געווען ביי זיך זייער קלאר אז אויב מיר שטעלן זיך נישט צו צו דער צייט גייט אלעס פאר פארקלאזשער.

מיר זענען דארט געזיצן איבער א שעה צייט און גארנישט האט זיך נישט געריקט. ווען איך האב געזען ווי שטייף זיי זענען און מיר וועלן דא נישט אנקומען אין ערגעץ אויף דעם אופן, האב איך זיך פלוצים אויפגעשטעלט און געגעבן א קלאפ אויפ'ן טיש זאגנדיג:

**"דזשענטלמאן, דו ווייסט פארוואס דו ווילסט נישט עקספעטן אונזער געבעט ? ווייל מיר זענען אידן און דו ווילסט דיסקרימענירן קעגן אידן!".**

איך האב געשריגן מיט מיין גאנצע ווייטאג אז דא איז זייער קלאר דאס גאנצע בילד. עס לייגט זיך נישט אויפ'ן שכל אז נאכדעם וואס מיר קומען דא מיט אזעלכע גערעכטע און לאגישע פארלאנגען זאל מען אונז דאס נישט וועלן נאכגעבן. די איינציגסטע סיבה פארוואס די באנק עקשנ'ט זיך אזוי איז ווייל זיי ווייסן אז זיי האבן צוטון מיט אידן, און זיי דיסקרימענירן אפן קעגן אונז. נאכדעם וואס ווען עס זענען געקומען די אינספעקטארס איז צו זיי צוגאנגען א שכן און ער האט דערציילט אז מיר זענען אידן און ער האט זיי אויפגעהעצט אונז נישט צו געבן דעם מארגערדזש.

וואוסנדיג אז דא דארף מען טון עפעס דראסטיש האב איך זיי געזאגט מיט א פעסטקייט:

**"אויב וויל עטס מיט אונז רעדן ווי ארנטליכע מענטשן און קומען צו א געהעריגע אגרימענט איז גוט, אבער אויב קענען מיר נישט טרעפן קיין שפראך מיט אייך בשום אופן, הערט מיך גוט צו. היינט איז דינסטאג, קומענדיגע וואך דינסטאג ברענג איך אראפ הונדערט טויזנט אידן קיין מאנהעטן, די 7'טע עוועניא ווערט אפגעשפארט דורכאויס אלע גאסן פון די 10'טע גאס ביז צו די 2טע גאס, און די הונדערט טויזנט אידן וועלן דארט עפענטליך פיקעטן און דעמאנסטרירן קעגן ענקער דיסקרימינאציע!".**

און וואונדער איבער וואונדער, דאס איז געווען די איינציגע שפראך וואס האט גערעדט צו זיי! ווי נאר איך האב ארויסגעזאגט די ווערטער האט זיך אנגעהויבן טוישן דאס גאנצע בילד...

ענדליך האבן זיי געכאפט אז מען קען אונז נישט איינפאך צעטרעטן אן קיין חשבון. "עמפייער באנק" איז געווען א גרויסע באנק און זיי האבן זיך נישט געזוכט אז מען זאל קומען אפשפארן די גאסן אין מאנהעטן מיט א פיקעטינג אז זיי דיסקרימענירן קעגן אידן, אזא סטראשע האט זיי גוט אויפגעשאקלט און דאס האט זיי געשטעלט אין פלאץ.

איך האב דעמאלט געקלאפט אויפ'ן טיש און פארפירט, איך בין געווארן ווי א הארטער ניס. זיי האבן מיר דעמאלט גערופן "הערמאן די העמער"... ווייל איך האב זיך נישט געוואלט בייגן פאר זיי גארנישט. און ב"ה אז דאס האט געהאלפן און געעפענט די טיר אז מיר האבן געקענט אנהייבן צו רעדן צווישן אונז.

ענדליך זענען זיי שוין געווען גרייט צו רעדן מיט אונז! די באאמטע פון די באנק האבן געזאגט אז עס איז נישט ריכטיג די באשולדיגונג אז דא קומט

בכלל אריין דיסקרימינאציע, ווייל מיר האבן מתחלה געהאט מיט זיי אן אפמאך אויף א מארגעדזש פון אכט און אהאלב פראצענט און היינט גיט מען ארויס מארגעדזשעס פאר ניין און א האלב פראצענט. זיי האבן גע'טענה'ט אז די איינציגסטע זאך וואס האלט זיי צוריק פון וועלן גיין מיט אונז ווייטער איז בלויז וועגן געלט און עס האט נישט צוטון מיט דעם פאקט אז מיר זענען אידן.

קודם בין איך שוין געווען רואיגער אז זיי האבן זיך אן צו ברעכן. אונזערע אדוואקאטן האבן זיך אריינגעלאזט אין לאנגע דיסקוסיעס ביז מען איז איינגעגאנגען אויף א פשרה און מען האט זיך פארגליכן אויף א 9 און א פערטל פראצענט, און ב"ה אז מען האט טאקע באקומען דעם פערמענעט מארגעדזש!

ס'איז נישט קיין ספק אז דאס האט געקענט צושטאנד קומען בלויז דורך דעם וואס זיי האבן זיך גוט דערשראקן פון מיינע שארפע ווערטער און מיין סטראשע אז מען וועט דעמאנסטרירן קעגן זיי אלס אנטיסעמיטן. דאס איז געווען די לעצטע זאך וואס עס האט זיי אויסגעפעלט זיך צו גיין פארענטפערן פאר די גאס איבער דיסקרימינעישאן און ב"ה אז אזוי ארום האבן מיר געקענט באקומען דעם מארגעדזש אין די לעצטע מינוט, בכוחו ובזכותו פון דעם מייסד הקרי' וואס האט אונז שטענדיג באגלייט מיט הדרכה עצה ותושי' און ברכת קדשו.

**הייסט עס אז איר האט אויף יעדן טריט און שריט זיך אנגעשטויסן מיט אזעלכע סארט**

**שוועריגקייטן, נאך איידער דער ערשטער איד האט זיך אריינגעצויגן אין קרית יואל ?**

ריכטיג. מיר האבן דערפאר טאקע זיך געדארפט שטענדיג באנוצן מיטביידע זייטן פונעם שטעקן, סיי הכנעה און סיי השתדלות, מיט די ברכה און הדרכה פון הייליגן רבי'ן זי"ע.

איך וועל אייך זאגן נאכמער, באלד ווען מען האט אנגעהויבן בויען קרית יואל האבן מיר זיך אריינגעלייגט צו טרעפן א גוטן לויער וואס זאל אונז פארטרעטן על כל צרה שלא תבא, מיר האבן שוין דעמאלט געוואוסט אז מיר דארפן האבן צו דער האנט א געניטער מומחה וואס זאל זיין גרייט צו קלאגן די העצער אין געריכט און באגלייטן אונזער לעגאלע קאמף קעגן די רדיפות וואס מען איז דורכגעגאנגען.

אין יענע צייט איז געווען אין די הערימען געגנט, נישט ווייט פון מאנרא, אן עסק מיט א באנדע וואס האט זיך גערופן "יאוגיס", דאס איז אזא גרופע בערך ווי די "עמיש" גוים פון פענסעלוועניא, זיי גייען אפגעשוירן דעם גאנצן קאפ און מיט א צאפ פון הינטן. זיי האבן געוואוינט אין א זומער באנגעלאוי קלאני אין הערימען און ווי עס איז געווארן ווינטער האט מען זיי געהייסן ארויסמופן ווייל זייער פלאץ איז נאר געווען פאר'ן זומער און נישט אויף ווינטער, ממילא האט מען זיי געהייסן אז זיי זאלן זיך פון דארט ארויסציען.

זיי האבן דעמאלט אויפגענומען א גרויסן לויער מיט'ן נאמען 'בערני דעוויס', וואס האט זיך געשלאגן אין געריכט פאר זייערע רעכטן. ער האט זיך גוט אויסגעקריגט פאר זייערע אינטערעסן און זיי האבן למעשה באקומען די ערלויבעניש דארט צו בלייבן וואוינען א גאנץ יאר. איך האב דעמאלט מיטגעהאלטן די געראנגל און האב געזען ווי שטארק ער האט מצליח געווען אין זיין מערכה.

זעהנדיג אז דער לויער איז אַן "ערנסטער בחור" האב איך זיך אראפגעזעצט מיט אים. ער האט זיך מיט מיר גוט פארשטאנען און ער האט מסכים געווען אונז צו פארטרעטן אין געריכט מיט אלע שוועריגקייטן וואס וואס זאל נישט אונטערקומען, צו דינען אונזערע אינטערעסן און אונז פארטרעטן קעגן אלע וואס ווילן לייגן פיסלעך אין וועג.

**דאס איז געווען די מינומים השתדלות וואס האט זיך געפאדערט צו זיין גרייט צו אפשלאגן די גוי'אישע אטאקעס. מען האט צוערשט פרובירט צו פארהאנדלען בדרכי הכנעה ובתחנונים, אבער מען האט דאך געזען אז מען קומט נישט אין ערגעץ מיט די הארטנעקיגע שכינים, האט מען אויך עוסק געווען - בשליחותו ובהדרכתו פון רביה"ק זי"ע. - אין די לעגאלע תחבולות צו אפשלאגן די גוי'אישע אטאקעס און פארזיכערן אז מען לאזט אונז עקזיסטירן אומגעשטערט בעז"ה.**

**ליינט קומענדיגע וואך בעז"ה ווייטערדיגע אויטענטישע שילדערונגען איבער די אינטערסאנטע אנטוויקלונגען בראשית ימי קרית יואל און איבער די דרכי ההשתדלות בחייו פון רביה"ק זי"ע**

---

# מאַסיווער קאַמפּיין פּראָקלאַמירט "פון בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו" צו העלפן פינאַנצירן וואַקסנדע קאָסטן פון די עסקנות ושתדלנות אונטערנעמונגען לטובת עירנו

פאַרזעצונג פון זייט 3

וועלן די עסקנים זיך אַרויסלאָזן איבער די בתי מדרשים, אַרומגיין צווישן די מנינים און פּרובירן אָנצוקומען צו יעדן איינעם פּערזענליך אָפּנעמען דעם מינימאַלן חלק צו פאַרזיכערן אַז די דרינגענדע פּעולות לטובתינו קענען ווייטער פאָרזעצן אָן קיין איבעררייס, און געלט זאל נישט זיין קיין אפּהאלט ווען ס'קומט לטובתינו.

די עסקנים טוען אונטערשטרייכן אַז יעדער דאַרף געדענקען און האלטן פאר די אויגן: מיר האָבן אַלע אינוועסטירט שוין דאָ אַזויפיל געלט, אַזויפיל צייט, אַזויפיל קאָפּ און מח, אַזויפיל הארץ און געפיל, דאָהי אין דעם פּלאץ וואס מיר האָבן אויסגעקליבן צו וואוינען פאַר אונזער עתיד. אָט די קליינע סומע וואָס ווערט יעצט פארלאנגט איז דאָך ממש אַ נישטיגקייט, א שיבוש, צו פארזיכערן אַז אָט די גאַנצע אינוועסטמענט אונזערע פון אַלע יאָרן צאָלט זיך אויס בעז"ה און מיר זאָלן קענען וואוינען אין אַ שטאָט וואָס איז פריינטליך צו אונזערע אינטערעסן און מיר ווערן נישט באַקריוודעט ח"ו.

פאַר דער באַקוועמליכקייט פון די תושבים האָט מען צוגעשטעלט די מעגליכקייט צו קענען אַריינרופן אין אָפיס מיט זייער אָנשלוס, ווי אויך איז דאָ די אָפּציע צו קענען באַצאָלן עלעקטראָניש, לויט ווי באַזונדער אָנגעגעבן אויף די רעקלאַמעס אויף אַן אַנדער אָרט אין היינטיגן נומער.

גלייכצייטיג דרוקן די עסקנים אויס א הארציגע בקשה, צו די אַלע וואָס וואוינען דאָ נאָר אַ טייל פונעם יאָר אא"וו, אַז זיי זאָלן נישט איגנאָרירן דעם געבעט און אפּיעל פאַר דעם אייגענעם וואוילזיין, נעמט אייער חלק אין די עסקנות לטובתכם, נישט צו דאַרפן זיין אויסגעשטעלט צו קיין פּראָבלעמען, אומ'יושר'דיגע שטייערן און ווייאָלעישאָנס אא"וו. מיר אַרבעטן פאַר די הצלחה פון דער גאַנצער שטאָט, העלפּט אונז אָנגיין ווייטער!

די זעלבע בעט מען פון איינוואוינער וועלכע האָבן די מעגליכקייט צו בעטן פון זייערע נאָענטע, חברים און ביזנעס-פאַרבינדעטע זאָלן זיך באַשטייערן מיט סכומים פאַר דעם גאָר וויכטיגן צוועק פון העלפן אַ אידישע שטאָט זיך סטאביליזירן אַלס פּערמאַנענטער עיר מושב, זאָלן זיי פאַרבינדן מיט די עסקנים, איבערגעבן די אינפאָרמאַציע, און צוהעלפן צום מאַקסימום סוקסעס פונעם קאמפּיין, וואָס באַדייט בעצם דער סוקסעס פון יעדן יחיד ויחיד!

ס'איז צום האָפן און ערוואַרטן אַז דער קאמפּיין וועט בעז"ה אָנשלאָגן דעם ריכטיגן טאָן, "יעדער" מתושבי העיר וועט זיך אָנשליסן בלב ובנפש חפיצה, פאַרשטייענדיג דעם "חובת השעה", דעם "אחריות המצב", אַז כל אשר לנו ניתן בעד נפשינו, בעד משפחתותינו, בעד עתידתינו, שענקען אונזער מינימאַלן חלק האַרצן-גערן, פאַר אונזער אייגענע קערפּערשאַפט וואו מיר זענען אַלע אייניג פאַרטרעטן, כד מיר זאָלן קענען פאָרזעצן לגור בעיר הזאת, מיט הרחבת הדעת און רואיגקייט, ובשם ה' נעשה ונצליח!

**יעדער שליסט זיך אָן – בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו!**

# זכרונות

## פון הרה"ח רבי **משה אייזנבערג** הי"ו

אין די ראמען פון דעם ארטיקל, וואו עס ווערט אויפגעוויקלט קראנטע אויטענטישע ידיעות און אינטערסאנטע אינפארמאציע איבער דאס גרינדונג פון קרית יואל און די דעמאלטיגע דרכי השתדלות בשליחות רביה"ק מסאטמאר זי"ע, האבן מיר גלייכצייטיג געהאט די געלעגנהייט צו הערן קורצע אבער באלערנדע זכרונות וואס איז איבערגעגעבן געווארן דורך **הרבני החסיד הישיש ר' משה אייזנבערג הי"ו לרפ"ש**, וועלכער איז באוויסט מיט זיינע פעולות לטובה, אלץ דער אונטערנעמער ביים בויען דער ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב אויף ראדני סטריט אין וויליאמסבורג, און געווען פון די עסקנים פונעם 'שטעטל' קרית יואל בשעתו, לעשות רצון צדיק.

אין דעם שמועס שילדערט אונז ר' משה ארגינעלע זכרונות (איר קענט אויך זעהן א לענגערע שמועס אין די וואונדערליכע סעריע ספרים קרית מלך רב) וויאזוי רביה"ק זי"ע בשארית כוחותיו האט פולקאם מיטגעהאלטן אלע אקטיוועטעטן דורך די געטרייע עסקנים בשעתו:

**"ווי באקאנט האט מען שוין עוסק געווען אין זוכן א שטעטל פילע יארן בעפאר, אבער למעשה ווען מען האט אנגעהויבן בויען "קרית יואל" איז שוין געווען נאך דעם ביטערן סטראוק ווען דער רבי זי"ע איז שוין געווען בקו הבריאות ווי בעפאר.**

**"אבער טראץ דעם רבי'נס פערזענליכע חולשת גופו הטהור איז דער צדיק הדורות געשטאנען ווי א לייב אין שפיץ פון די גאנצע אונטערנעמונג, סיי במובן הגשמי, די פינאנציעלע און פראקטישע חלקים צו שאַפן דאס געלט ביי די נגידי העם. און דאס זעלבע במובן הרוחני, מ'האט זיך אנגעשטויסן אויף טריט און שריט מיט פארשידענע ספיקות, וויאזוי צו האנדלען מיט די שכינים און מיט די באהערדע, און דער רבי איז געווען אונזער "אורים ותומים" וכל דבר הקשה יבואון אליו.**

**"במשך די גאנצע צייט וואס מען האט געבויעט קרית יואל, און עס האט זיך געמאכט ספיקות וויאזוי מען זאל רעאגירן, פלעגן מיר כסדר פארן, מערערע מאל, קיין בעל-הארבער צו פארלייגן פאר'ן רבי'ן די וויכטיגע שאלות וואס איז געווען נוגע אויף די למעשה'דיגע פרטים, און דער רבי זעלבסט האט אונז מדריך געווען, יעדע דבר גדול וקטן האט ער מיטגעהאלטן און געגעבן זיין ברכת קדשו בעצה ותבונה.**

"דער הייליגער רבי האט טאקע דעמאלט כסדר אויסגעדריקט זיין הסכמה און רצון קדשו אז אז מען זאל אריינוועלן אידישע פארטרעטער און עווענטועל גרונדן א אידישן ווילעדזש. ברוחב בינתו האט דער רבי פארשטאנען אז ס'איז פשוט נישט מעגליך צו האבן א קיום און זיך אויסברייטערן אויף דעם אופן, און אויב וויל מען אז אידן זאלן קענען וואוינען און פשוט עקזיסטירן דארף מען האבן היימישע אידן וועלכע זאלן אונז פארטרעטן פאר די באאמטע. אנדערש איז דאך נישט מעגליך צו פונקציאנירן.

"מען דארף צו וויסן, דער רבי איז טאקע דעמאלט שוין זייער שוואך געווען, אבער זיין מח איז געווען זייער קלאר, דער רבי האט אלעס מיטגעהאלטן און ער האט אלעס געוואוסט, ער האט געוואלט אז מ'זאל אים דערציילן יעדן פרט פון וואס עס שפילט זיך אפ מיט'ן שטעטל, און ער האט געהאלטן קאפ. ווען מען איז צוריק געקומען מארגן האט ער אינזינען געהאט ממשיך צו זיין דעם ענין וואס מ'האט נעכטן גערעדט. "

■ ■ ■

בדרך אגב, הרה"ח ר' משה הי"ו האט דערציילט (עס ווערט אויך געברענגט אין די הערליכע לענגערע שמועסן מיט הרה"ח ר' משה שליט"א אין די בארימטע ספרים 'באילנא דחיי') אז ביי א געלעגנהייט ביים בויען דעם ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג אויף ראדני סטריט, האט ער מיטגעלעבט אן אינטערסאנטע ענין ביים רבי'ן אין שטוב:

**"ווי אלעמאל האט נישט געפעלט אזעלכע וועלכע האבן פארדרייט דעם רבי'ן א קאפ וויאזוי און וויפיל מען מעג טון ביי יעדן כלל ענין. עס איז געווען עמיצער וואס האט געהאט פארשידענע קפידות וואס ער האט געשפירט פאר וויכטיג צו קומען זאגן דעם רבי'ן מפעם לפעם.**

**"איינמאל ווען יענער האט געמוטשעט דעם רבי'ן איבער א געוויסע נושא, האט אים דער רבי געזאגט: "ר' פלוני, לאז זיך ארויס פון די ענינים, לאז דאס איבער פאר די רבנים, עס איז דא ב"ה אסאך רבנים זיי זענען ממונה אויף דעם". האט יענער געענטפערט פאר'ן רבי'ן אז די רבנים זענען משוחד, מ'קען זיך נישט אויף זיי סומך זיין... פרעגט אים דער רבי פארוואס זענען זיי משוחד, האט ער געענטפערט אז די אלע רבנים האבן א ביהמ"ד און זיי נעמען געלט פון אידן, זיי לעבן אויפ'ן ציבור'ס חשבון און זיי זענען אנגעוויזן אויף זייערע מעמבערס וכדו', אויטאמאטיש זענען זיי משוחד.**

**האט אים דער רבי געענטפערט ברוב חכמתו: איך האב מורא אז דו ביסט אויך משוחד! זאגט יענער: איך האב דען א ביהמ"ד? איך נעם דען געלט פון אידן?! זאגט אים דער רבי בלש"ק: "זאלסט וויסן אז א 'משוגעת' איז די גרעסטע שוחד!... א משוגעת קען אויך מעוור זיין עיני חכמים, כאטש מ'איז באמת א חכם." ודפח"ח.**

עס איז זיכער אז דער זכות פון הייליגן רבי'ן זי"ע וואס מיר האלטן זיך אן אין די הייליגע דרכים, ויה"ר שחפץ ה' בידינו יצליח, צו מרחיב זיין די גבולי הקדושה און טאקע לעבן מיט א מנוחת הנפש צו קענען ערציען דורות נאמנים לה' ולתורתו הק' עד ביאת הגואל, אמן".

אין די סעריע פון:

אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...

# השתלשלות השתדלנות

## דאָקומענט #5

### 'פאליצײ טשיף' וויל זיך טרעפן מיט'ן באורד אבער דער 'מעיאר' לאזט נישט נאך פון זיין פראוואקירנדע האנדלונג

נאך די כסדר'דיגע געבעטן דורך דעם "באורד" אז מיר קוקן ארויס זיך צו טרעפן און פארהאנדלען מיט די באהערדע האט דער "פאליצײ טשיף און בלומינגראוו" אויסגעדרוקט זיין צושטימונג זיך צו אוועקזעצן מיט די פארשטייער פון די אידישע קאמיוניטי און אויסשמועסן פארשידענע זיכערהייט טעמעס אין דער געגנט.

דער מעיאר האט צוערשט פרובירט צו אפהאלטן דעם טשיף און צעשטערן די געפלאנטע זיצונג, אבער שטייענדיג אין די זעלבע וואך פון די שרעקליכע שיסערײ אין דזשערסי סיטי ה"י, האט דער פאליצײ טשיף קלארגעשטעלט אז ער וויל דירעקט יא זיך טרעפן מיט'ן 'באורד' זאגנדיג: "אויב דא פאסירט עפעס חלילה וויל איך נישט זיין פאראנטווארטליך דערפאר."

זעלבסט פארשטענדליך אז דער מעיאר האט זיך אצינד געטראפן אין א דילעמע, זייענדיג שוין דאס דריטע מאל וואס ער זאגט קאטעגאריש אפ זיינע אידישע איינוואוינער און דא פלוצים וועט דער פאליצײ טשיף זיך יא אראפזעצן מיט'ן 'באורד'. א זאך וואס קען זיך זייער שלעכט אפרופן אויף זיין 'אימעדזש'. דאס איז פאר אים געווען א שווערע סיטואציע, און ער האט דעריבער באשלאסן צו פרובירן א נייעם שפיל, מיט א מעלדונג אז ער איז אויך גרייט זיך צו באטייליגן ביי דעם באשטימטן זיצונג מיט'ן פאליצײ טשיף און דארט רעדן מיט'ן 'באורד'.



-------- Original Message --------
Subject: RE: UJC Introduction Meeting
From: Mayor <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
Date: Tue, December 10, 2019 10:26 am
To: UJC Board Rep <BoardRep@UJCofBloomingGrove.org>
Cc: Clerk <clerk@villageofsouthbloominggrove.com>, John Ross <jross@villageofsouthbloominggrove.com>, Alex Melchiore <chief@bloominggrovepolice.com>

Dear Mr. Stern:

Thanks for your e-mail. I will be available to meet with you and the Police Chief. There is nothing in this Village that warrants separate meetings. As for me preparing any agenda, that is not how I have or will conduct my meetings with Village Residents. If you have an agenda you would like to cover, I am happy to review that agenda in advance of any meeting. I am here for ALL Village Residents and I act as Mayor always in that way. I will not let my Office as Mayor be used to divide Village Residents, but only to unite Village Residents, be guided accordingly.

Best regards,

James A. LoFranco
Mayor

Village of South Blooming Grove
P.O. Box 295
Blooming Grove, New York 10914
(845) 782-2600
(845) 782-2601

From: UJC Board Rep [mailto:BoardRep@UJCofBloomingGrove.org]
Sent: Tuesday, December 10, 2019 7:20 AM
To: Mayor <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
Cc: Clerk <clerk@villageofsouthbloominggrove.com>; John Ross <jross@villageofsouthbloominggrove.com>; Alex Melchiore <chief@bloominggrovepolice.com>
Subject: RE: UJC Introduction Meeting

Good morning Mr. Mayor,

Thank you for making yourself available to meet us on Thursday together with the Chief, however, I believe that the agenda that we would like to discuss with the village has no relation to the Chief and the Police department, therefore, while we're still looking forward to meet you together with the Chief if you choose to attend, we recommend a separate time to discuss the agenda for the village in order not to waste anyone's time.

We can be available to meet with you as soon as the meeting with the Chief concludes or at any other time of your choice.

Also, we would like to ask you to prepare an agenda pertaining the Jewish community that you would like to discuss.

Thank you

Looking forward!

Joel Stern
UJC Board Representative

אינעם בייגעלייגטן דאקומענט, ווענדט זיך דער 'באורד' צום מעיאר, מיט א רעספעקטפולע באמערקונג, אז אין דער צייט וואס מיר קוקן טאקע ארויס אים צו טרעפן ביי דער מיטינג מיט'ן פאליצײ טשיף, איז אבער וויכטיג צו באטאנען אז דאס זענען פאקטיש צוויי באזונדער אפגעטיילטע זיצונגען. די אישוס וואס מיר ווילן דורכרעדן מיט'ן מעיאר איז נישט נוגע פאר'ן טשיף און דאס זעלבע פארקערט. מיט יעדן ווילן מיר דורכשמועסן אנדערע טעמעס, ס'איז אלזא פשוט א שאד אז מען זאל זיך דארט טרעפן און פארשווענדן אלעמענס צייט, סיי פונעם מעיאר און סיי פונעם פאליצײ טשיף.

מיר בעטן דעריבער אז דער מעיאר זאל באשטימען א באזונדערע צייט וואו מיר זאלן זיך קענען אראפזעצן מיט אים זעלבסט צו דורכרעדן די נושאים וואס איז נוגע דעם ווילעזש. און דער 'באורד' ווידערהוילט נאכאמאל אז מיר זענען זיך גרייט צו טרעפן סיי ווען און סיי וואו, לויט די אויסוואל פונעם מעיאר.

און וואס מיינט איר, טייערע אידן, איז געווען דער אנטווארט פונעם מעיאר ?

די זעלבע ביליגע האס און ליצנות צו וואס דער ציבור איז שוין ליידער געוואוינט. דער מעיאר רעאגירט מיט זלזול אז ער וויל זיך דירעקט נישט טרעפן מיט אונז פערזענליך. "ס'איז גארנישט דא אין דער ווילעדזש וואס בארעכטיגט אן אפגעטיילטע מיטינג"...

## ברכת מזל טוב
### לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הגה"צ רבי **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
**לרגל הולדת בתו**

מוה"ר **אליעזר שטעסל** הי"ו
**לרגל הולדת בתו**

מוה"ר **יואל ב"ר אברהם יושע בינער** הי"ו
**לרגל הולדת בנו**

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת

## בלומינגראוו קלאסיפיידס
## BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS

צו אדווערטייזן אייער ביזנעס קלאסיפייד עד בחנם שרייבט צו:
BGVoice@UJCofBloomingGrove.org

"Byldit" Construction
Moshe Shie Posan (845) 461-5244 Berl Posan (845) 500-1655

On Field Builders Inc. 845 200 4149

DrewMe Drawing - E. S. Halpert (845) 866-(DREW) 3729

Shaklee Products - S. Weiss 845.782.8068

לכו והתפרנסו זה מזה: ביזנעסער און סערוויסעס פון בלומינגראוו איינוואוינער

*אכטונג חשובע פרויען אין בלומינגראוו*

Worley Heights - Capital Hill - Lake Shore

## וויכטיגע צדקה צוועק

Door Prices - Gift Certificate Raffles
• Lavish lunch •

האט הנאה פון א געשמאקע פריינטליכע פארברענג
די שיינקייט פון בלומינגראוו ס'איז נחת מיטצוהאלטן
באקענט אייך מיט די נייע שכינים אין אונזער געגענט

## דינסטאג פרשת בא
**Tuesday Jan 28 12-3pm**

## שטערנפעלד
4 Dallas Dr.

*מיר ערווארטן אייך פערזענליך 13 באלאנס*
*קומט אלע ברענגט אייערע פריינט*




SPONSORS

byldit. BYLDITNY.COM | printcenter | Printout for BUSINESS | קרן הבנין ביהמ"ד החדש זאבליטוב בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א